**נומער 28.24**

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו א ר ד ע ר</u>

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין ניו יארק סטעיט**

<u>**וויבאלד**</u>, לויט אפטיילונגען 362 און 365 די פובליק העלט סערוויסעס אקט U.S.C 42 §§ 362 און 365, און די איינפירנדע רעגולאציע ביי 71.40 § .C.F.R 42, אום אוגוסט 2, 2021 האט דער דירעקטאר פון די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר דיזיז קאנטראל (Center for Disease Control and Prevention, CDC) ארויסגעגעבן א *פובליק העלט ווידער-אפשאצונג און באפעל וואס שטעלט אפ די רעכט צו אריינברענגען געוויסע מענטש פון לענדער וואו א קווארענטין-בארע אריבערפירבארע קראנקהייט עקזיסטירט* (דער "טיטל 42 באפעל");

<u>**וויבאלד**</u>, דער טיטל 42 האט פארבאטן מיגראציע אריין אין די פאראייניגטע שטאטן דורך "געדעקטע נישט-בירגער" וואס רייזן פון קאנאדע אדער מעקסיקא (אפגעזען פון זייער אפשטאם לאנד) וועלכע וואלטן אויסער דעם געווארן אריינגעברענגט אין א קאנגרעגעיט אומגעבונג אין אן אריינגאנג פארט אדער פאראייניגטע שטאטן גרעניץ פאטראל סטאנציע ביי אדער נעבן די פאראייניגטע שטאטן לאנד און נעבנדיגע וואסער גרעניצן;

<u>**וויבאלד**</u>, זינט טיטל 42 איז אפגעלאפן אום מאי 11, 2023 האבן נאך טויזנטע מענטשן זיך געוואנדן פאר שעלטער אין ניו יארק, מיט ניו יארק סיטי אליין זייענדיג יעצט פאראנטווארטליך צו צושטעלן שעלטער פאר מער פון 40,000 מיגראנטן;

<u>**וויבאלד**</u>, פעדעראלע שטיצע איז קריטיש וויכטיג צו שטיצן ניו יארק סיטי און אנדערע לאקאלע רעגירונגען אינערהאלב די סטעיט וואס מאנגלען אין די אינפראסטרוקטור, פאסיליטיס, און ריסאורסעס וואס זענען נויטיג צו נאכקומען די באלדיגע הומאניטעריען פארלאנג פאר האוזינג און נאכקומען אנדערע איינפאכע געברויכן פון די גרויסע צאל מיגראנט אנקומענדע; און

<u>**וויבאלד**</u>, די גרויסע צאלן פון מיגראנטן זוכנדיג שוץ אין די סיטי און סטעיט אָוו ניו יארק איז ערווארטעט צו פארערגערן א מצב וואס איז שוין יעצט א גרויסארטיגע הומאניטארישע קריזיס און צו שאפן א דיזעסטער עמערדזשענסי צו וועלכע לאקאלע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן ווי עס פאדערט זיך, ברענגענדיג א סכנה צו געזונטהייט און זיכערהייט וואס קען פירן צו די פארלוסט פון לעבן אדער פארמעגן;

<u>**יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האקול)**</u>, די גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law), דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז דעקלערט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28, ווי פארגעזעצט אין עקזעקיוטיוו ארדער 28.23, און איך טו דערמיט פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28, ווי פארגעזעצט אין עקזעקיוטיוו ארדער 28.23, ביז אפריל 12, 2025.

<u>א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן</u> אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין די סיטי אָוו אלבאני אום דעם דרייצנטן טאג פון מערץ אין דעם יאר צוויי טויזנט פינף און צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטאר פאר די גאווערנער